# על-ידך און בין עיניך: פֿאַר וואָס איך לערן זיך ייִדיש

***Al yodekho un beyn eynekho: Far vos ikh lern zikh yidish***

(Upon Your Arm and Between Your Eyes: Why I Study Yiddish)


פֿון אייפּריל רויזנבלום
by April Rosenblum



*Afn Shvel* 331/332, Summer/Fall 2005


עס זײַנען דאָ עטלעכע סיבות פֿאַר וואָס איך לערן זיך ייִדיש – טייל גערזינטערע ווי אַנדערע. איך מיין, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן מיט ייִדיש צוליב די אומגעזונטע – און, אַז איך וועל בלײַבן צוליב די געזונטע.

ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן זיך צו לערנען די שפּראַך, האָב איך זייער געוואָלט פֿילן א שײַכות מיט דער מאַמעס עלטערן – ביידע ייִדיש-רעדערס – וועמען איך האָב קיין מאָל נישט געקענט. דערצו האָב איך געהאַט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג וועגן ראַטעווען ייִדיש. איך האָב שטענדיק זייער מורא געהאַט פֿאַר פֿאַרלירן זאַכן. ווי אַ געשיכטע- סטודענטקע און אַן אַקטיוויסטקע, למשל, ווער איך פֿאַרשלונגען מיט נויט אָפּצוהיטן די זכרונות פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות יושר-טוערס, ווי הירש, די היימאַרקעט מאַרטירערס, סאַקאָ און וואַנזעטי, פֿרעד האַמפּטאָן, און אָן אַ צאָל אַנדערע, וועמענס קעלער מען האָט פֿאַרשוויגן און וועמענס לעבנס מען האָט גענומען.

אָבער, ווען איך באַמערק דאָס ייִדישע לעבן הײַנטצוטאָג, דאַכט זיך מיר, אַז מיר געבן שוין צו פֿיל וויכטיקייט צו געדענקן עפּעס אַ מין פֿאַרגאַנגענהייט, און זייער ווייניק מי צו לעבן אויף וואָס איז, לויט מיר, אַן אמתדיקן ייִדישן אופֿן. דאָס הייסט: זיך עוסק זײַן מיט דער וועלט און קעמפֿן פֿאַר יושר, פֿאַר אַ וועלט וואָס וועט זײַן אָנגעפֿילט מיט גאָט, ווו מענטשן וועלן זיך באַהאַנדלען, איינער דעם צווייטן, ווי הייליק.

אונדזער היים איז געווען גאָר וועלטלעך און גלײַכצײַטיק טיף גײַסטיק. דער ברודער און איך האָבן נישט קיין רעליגיעזע בילדונג נישט געהאַט, און מיר האָבן ביידע גענומען פֿון אונדזער דערציִונג אַ גאַנץ פֿריידיקן אַטעיִזם; פֿאַר די טאַטע-מאַמע, להבדיל, איז עס געווען גאָר נאַטירלעך באַשרײַבן זייער אַקטיוויזם ווי אַ טועכץ פֿון גאָט. איז,ווען רעלאַטיוו אַנומלט אין לעבן האָב איך זיך פֿאַראינטערעסירט אין מײַן ייִדישער אידענטיטעט און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם דורך אַרײַנגיין אין שיל, איז עס מיר נישט געווען אַזוי שווער פּסיכיש איבערצוזעצן דאָס דאַוונען אויף טערמינען וואָס זײַנען מיר מער באַקאַנט.

וואָס האָט מיך צום מערסטן פֿאַרכאַפּט איז דער שמע. וואָס גאָט איז איינער – האָבן די טאַטע-מאַמע דאָס געלערנט. פֿאַקטיש, האָבן זיי אונז געלערנט אַז די אייניקייט איז גאָט; ד״ה,ס׳איז די קוואַליטעט וואָס פֿאַר איר דאַרף מען האָבן די גרעסטע אָפּשײַ. דעריבער זאָלן מיר זײַן אין דעם גרעאַנגל: ווײַל די הייליקסטע, וויכטיקסטע זאַך איז אַז די מענטשהייט איז אומעטום פֿאַרבונדן, וואָס יעדער מענטש מוז זאָרגן איינער פֿאַרן אַנדערן, ווי אַ טייל פֿון זײַן אייגענעם קערפּער.מיר זײַנען דאָ אין דער וועלט דווקא כּדי אונטערצוהאַלטן די אייניקייט, וואָס

די משפּחה האָט ליב געהאַט *בכל-לבבך, ובכל-נפֿשך, ובכל-מאדך* – מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה,
און מיט אַלע כּוחות. צוויי מאָל טעגלעך באַפֿעלט דער שמע גאַנץ קלאָר, מיר זאָלן רעדן וועגן דעם בעתן זעצן אין דער היים, גייענדיק אויפֿן וועג, ווען מיר לייגן שלאָפֿן און ווען מיר כאַפּן זיך אויף. מיר זאָלן מאַכן עס טייל פֿון דער וויסיקייט אין יעדן חלק פֿונעם לעבן – אָנזעעוודיק יעדער מאָל וואָס גיין מיר דורך אונדזערע טירן, פֿאַרבינדן ווי צייכענען *על-ידך* און *ביין עיניך* – אויף די הענט, דערצווישן די אויגן גופֿא – און פֿלייסיק לערנען די קינדער, זיי זאָלן האָבן דעם זעלבן חשק.

לייענענדיק די ווערטער, האָב איך מיין משפּחה געזען אַזוי קלאָר; פֿון די מאַניפֿעסטאַציע-פֿליבלעטלעך
און די פּלאַקאַטן פֿון פּאָליטישע געפֿאַנגענער וואָס הענגען אינעם פֿעדערשטפֿענסטער, צו די סצענעס דורך מיינע אַלע קינדעריאָרן: טאַטע-מאַמע שמועסנדיק וועגן פּאָליטיק און געזעלשאַפֿטלעכער טראַנספֿאָרמאַציע מיט די געסט וואָס האָבן אַריין אין דער מיטלשטוב געשטראָמט פֿון יעדן אָרט אין דער וועלט, יעדער איינער קעמפֿנדיק פֿאַר אַן אָרט נאָענט צום פֿייערל. דער שמע איז אַ רעצעפּט פֿאַרן לעבן וואָס איכ'ל דאָך אויך איבערגעבן מיינע אייגענע קינדער: אַ לעבן אין וועלכן, הייסן אונדזערע אידעאַלן יעדער אַקציע, אין וועלכן קענען מיר נישט פֿאַרטראַכטן לייגן די אידעאַלן אין אַ זייט אויף קיין מאָמענט.

איז, אויב איך וויל, מיר זאָלן זיך עוסק זיין מיט דער וועלט, מיט די יושר-קאַמפֿן פֿון הייַנטצוטאָג, פֿאַר וואָס זשע וועל איך אָננעמען ווי מיין אייגענער אַ שפּראַך וואָס ווייניקערע מענטשן רעדן יעדן טאָג?

דערפֿאַר: ווייַל רעדן ייִדיש דריקט אויס מיין פֿאַרלאַנג צו לעבן אַ ייִדיש לעבן וואָס איז אַנדערש פֿון דעם וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט. ווי עס געשעט מיט פֿיל יונגע ייִדן וואָס גייען זוכן זייערע „וואָרצלען“, האָט עס מיר זיך געדאַכט, דער קלאָרסטער וועג אַריין אין ייִדישן קולטור וואָלט געווען דורך דער דאַוונשול. אָבער, אין די בתּי-כּנסיות ווו איך האָב זיך אויסגעלערנט די פּאַטעטישע ווערטער פֿונעם שמע, האָב איך נישט געפֿונען דעם ייִדישן קולטור וואָס איז מיר געווען פֿאַראַן אין דער משפּחהס מיטלשטוב. ס'איז נישט, אַז איך האָב איינגעפֿינען דאָס שוללעבן פֿול מיט מאַטעריאַליזם אָדער צביעות; להיפּוך, איך האָב זיך באַקענט מיט זייער סימפּאַטישע מענטשן, מענטשן וואָס ווילן יאָ פֿאַרבעסערן די וועלט. אָבער עס איז דאָ געווען אַ דאָזיקע ניוואָ באַפֿרידיקונג וואָס איז מיר נישט געווען – כ'ווייס? – *ייִדיש*. „סאָציאַל-אַקציע“ איז געווען אַ באַזונדערער קאָמיטעט. זאָל די וועלט זיין גערעכט געמאַכט, פֿלעגט מען בעטן בעתן דאַוונען, אָבער, רעדנדיק תּכליתדיק, אַרבעטן אויף סאָציאַל-יושר איז אַ זייט-פּראָיעקט, עפּעס וואָס מען וואָלט איינגעכאַפּט. ווען איך טראַכט וועגן דעם וואָס איז פֿאַר מיר ייִדישסטע וועגן מיין משפּחה, איז עס אַ *נייען*, די וועלט זאָל מתקן זיין; אַ פֿייער אינעווייניק אין זיי, וואָס דערלויבט זיי נישט שלום צו מאַכן מיט דעם לעבן ווי עס איז; אַ דאָזיקער אופֿן וואָס, ביז זיי וואָלטן געהאָלפֿן צו שטאַנד צו ברענגען די וועלט פֿון וואָס זיי טרוימען, וועלן זיי תּמיד אומרויִק זיין.

ערגעץ ווו אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, זיינען מיר אַמעריקאַנער ייִדן אַריין אין צוויי אָפּווייַכנדיקע וועגן. אויף איינעם, האָבן מיר געקענט אויסהאַלטן ווי ייִדן, אָבער די דעפֿיניציע פֿון „ייִד“ האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרענגען, ביז וואָס דער הייַנטיקער געזעלשאַפֿט וואָלט געטראַכט נאָר פֿון אַ מיטגלידער פֿון דער רעליגיע. אויפֿן אַנדערן, האָבן אַ סך פֿון אונדז זיך פֿעסט אָנגעהאַלטן אין גרעראַנגלען אויף יושר, אָבער האָט די ייִדישע אידענטיטעט פֿאַרליניעט, איבערגעלאָזט אונדז עפּעס נישט-פֿאַרקערפּערט. אָבער, ווייַל איך האָב געהאַט די זכיה צו הערן

די געשיכטעס פֿון אַ פֿריערדיקן דור ראַדיקאַלן, ווייס איך אַז ס'איז אַ מאָל געווען אַן אַמעריקאַנישע ייִדישע געזעלשאַפֿט וואָס איז געווען גענוג ברייט,גענוג לעבעדיק און רײַך און כּלערלייִק, וואָס טויזנטער ייִדן ווי מיך, וואָס האָבן ליב געהאַט און זיך געראַנגלט אויף אַ נײַער וועלט, האָבן נישט קיין ספֿקות נישט געהאַט וועגן זייער ייִדישקייט. נאָך *דעם* בענק איך – נישט נאָך קיין פֿאַנטאַזיע פֿון האַרמאָניע, אויך ניט קיין ראָמאַנטישן אײַנרעדעניש וואָס די אַלע ייִדיש-רעדערס זײַנען העלדן געווען, מיט קוקן פּונקט ווי מײַנע – נאָר אויף דעם גרייך פֿון קעלער, אויף אָט די מיגלעכקייטן.

ווי די האַרצפֿרײַנד וואָס איך האָב געפֿינען אין די קרײַזן נײַע ייִדישיסטן, פּלאַניר איך צו מאַכן ייִדיש מײַנע קינדערס מאַמע-לשון. אָבער איך האָב זיך געדאַרפֿט פֿרעגן: קלאַמער איך זיך אין ייִדיש נאָר צוליב מורא פֿאַר פֿאַרלירן זאַכן? ווײַל, אויב יאָ, בעסער איך זאָל אויפֿהערן איצט. איז דאָך נישט קיין גאַראַנטיע וואָס די ייִדישיסטן פֿון מײַן דור וועלן מצליח זײַן מיט „ראַטעווען" ייִדיש ווי אַ שפּראַך פֿון פֿאַרשפּרייטן טאָגטעגלעכן באַניץ. און איך קען נישט צוריקברענגען די באָבע-זיידע וואָס האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט. אַז איך וועל מאַכן די שפּראַך פֿאַר מײַנער, מוז עס זײַן ווײַל איך קען פֿון איר בויען עפּעס נײַע: עפּעס באַזירט נישט אויף מורא פֿאַר אָנווער, נאָר אויף ליבע צו דער צוקונפֿט מיר קענען באַשאַפֿן.

עס איז צו דער צוקונפֿט וואָס איך לערן זיך ייִדיש. איך וויל מײַנע קינדער זאָלן אַלעמאָל באַוווּסזיניק זײַן, אַז וואָסערע עטיק  עס זאָלן ניט געוועלטיקן אין דער ייִדישער קהילה פֿון זייער תּקופֿה, איז ייִדישקייט נישט קיין פֿעסטער טערען, פֿאַרויסבאַשטימט אָדער פֿאָרויספֿאַבריצירט פֿון קיין ייִדישער אָדער נישט-ייִדישער אויטאָריטעט. עס איז געווען, און קען זײַן, אַנדערש פֿון וואָס עס איז. איך וויל זיי זאָלן זײַן אַזוי פֿאַרוואָרצלט אין זייער ייִדישקייט, וועלן זיי קענען עוסק זײַן אין אַרבעט אויף יושר פֿאַר אַלע פֿעלקער, אָן פֿאַרלירן פֿון די אויגן זייער אייגענע. דאָס קענען ייִדיש וועט זיי פֿאַרדינען ווי אַ צייכן, כּמעט על-ידך און בין עיניך. אַ צייכן – וואָס עס זײַנען דאָ ברירות אין ווי מיר לעבן ווי ייִדן, און מע מוז באַוווּסטזיניק אויסקלײַבן. און ווען זיי געפֿינען – זיכער וועט אין עפּעס אַ מאָמענט, וועגן עפּעס אַ פֿראַגע, געשען – וואָס כּדי לעבן לויט זייערע איבערצײַגונגען מוזן זיי זיך שטופּן קעגן דעם שטראָם פֿוּו מאַיאָריטעט-מיינונג, אָדער שטיין אַנטקעגן ביטול צו זייער אידעאַליזם, אָדער זיך מענטשן פֿאַר לײַט וואָס גלאַנצן ליידיק אויף זיי, אָן קיין שײַכות-רעם צו זייערע נײַע אידעען, וויל איך מײַנע קינדער זאָלן קענען צוריקקוקן אַרײַן אין אַ גאַלעריע ייִדן וואָס האָבן געעפֿנט דעם וועג פֿאַר זיי, וואָס שעפּן פֿון זיי נחת, און וואָס מונטערן זיי – *ווײַטער!* – אין אַ קול מײַנע קינדער פֿאַרשטיין